פאַרלאַג „די נייע יידישע פאָלקסשול"
סעריע „קינדער=ליטעראַטור" .№ 13

# מעשהלאך פון עזאָפּ.

באַאַרבעט פון ש. באַסטאָמסקי.

[redacted]

העפט I.

107

ווילנע — 1921.

דרוקעריי בר. ראָזענטאַל, רודניצקער 7.

# אינהאַלט:


| | | זייט |
|---|---|---|
| 1) | דער הונט און דער וואָלף | 3 |
| 2) | ד״ר אייזל און זיין באַלעבאָס | ״ |
| 3) | די וועלף און די שעפסן | 4 |
| 4) | דער וואָלף און דער שעפס | 5 |
| 5) | דער לייב, דער וואָלף און דער פוקס | 6 |
| 6) | דער לייב און דער בער | 7 |
| 7) | די קאַץ און די פייגעלאַך | 8 |
| 8) | דער הונט און דער וואָלף | ״ |
| 9) | דער יעגער און דער רייטער | 9 |
| 10) | די האָזן און די פרעש | ״ |
| 11) | דער וואָלף און דער לייב | 10 |
| 12) | דער פויער און די שלאַנג | 11 |
| 13) | די הירשן | ״ |
| 14) | דאָס ייִנגל און דער פויער | 12 |
| 15) | דער פוקס און די לייביכע | ״ |
| 16) | די אָקסן און די רעדער | 13 |
| 17) | דער פאַסטוך און די ציג | ״ |
| 18) | די פלעקלאַך און דער דעמב | 14 |
| 19) | דאָס קעלבל און דער אָקס | ״ |
| 20) | דער לייב און דער אייזל | 15 |
| 21) | דער פערד און דער יוגג | 16 |
| 22) | דער האָלף און דער פערד | 17 |

# מעשהלאך.

## דער הונט און דער וואָלף.

אַ הונט האָט זיך געיאָגט נאָך אַ וואָלף.

— אָט בין איך דאָס פלינק! אָט האָב איך דאָס כּוח! — האָט זיך באַרימט אויפן קול דער הונט: — דער וואָלף איז שוואַכער פאַר מיר, דעריבער אַנטלויפט ער פאַר מיר!

דאַן האָט זיך דער וואָלף אומגעקערט צום הונט און געזאָגט: — פאַר דיר, הינטל, וואָלט איך קנאַפּ וואָס מורא געהאַט, נאָר הינטער דיר לויפט דער באַלעבאָס דיינער!...

## דער אייזל און זיין באַלעבאָס.

איינער האָט אַמאָל געוואָלט קויפן אַן אייזל. האָט ער אים גענומען אויף עטלאַכע טעג אויף

פראָבע. ברענגט ער אים אין שטאַל און שטעלט אים אַוועק צווישן זיינע אייזלען. דער „גאַסט“ האָט באַלד פאַרלאָזן אַלע חברים און איז צוגעגאַנגען צו דעם, וואָס איז געווען דער גרעסטער עקשן, דער גרעסטער פוילער און דער גרעסטער פרעסער.

אַז דער באַלעבאָס האָט דאָס דערזען, האָט ער אים גלייך אָפּגעפירט צוריק.

— אַזוי גיך האָסטו אים שוין אויסגעפּרובירט? פרעגט דער אַלטער באַלעבאָס.

— איך פאַרשפּאָר אים גאָר צו פּרובירן, — ענטפערט דער נייער — איך פאַרשטיי שוין ווער ער איז, לויט דעם אַליין, וואָס פאַר אַ חבר ער האָט זיך אויסגעקליבן!“...

## די וועלף און די שעפסן.

הינט האבן אמאל געהיט א טשערעדע שאף. זיינען געקומען צו זיי וועלף און האבן פארפירט מיט זיי אזא מין שמועס:

—ברידער, מיר זיינען דאך פון איין מישפחה, וואס דארפן מיר זיך קריגן. לאמיר בעסער מאכן שלום! גיט נאר א טראכט וועגן אייער ביטערער לאגע! איר זייט דאך אומגליקלאכע קנעכט: די באלעבאטים שלאגן אייך,

בּינדן אײך. אָן אַ קײַט אויפן האַלז, נויטן אײך היטן זײַער שאָף... און וואָס באַקומט איר דערפאַר? מער ווי אַ בּײן וואַרפט מען אײך ניט צו... אָט פאָלגט אונז, לאָזט אונז צו צו די שעפּסן און מיר וועלן זיך שוין אַלע אָנעסן צו זאַט...

די הינט האָבן זיך געלאָזן איבּעררײדן. די רויבּער זײַנען אַרײַן צו די שעפּסן. קודם־כּל האָבּן זײ אָבּער צעריסן די הינט...

# דער וואָלף און דער שעפּס.

הינט זײַנען אַמאָל אָנגעפאַלן אויף אַ וואָלף און צעבּיסן אים אַזוי, אַז ער איז קוים אַ לעבּעדיקער אַרויס פון זײַערע צײן. ליגט זיך אַזוי רבּ וועלוול אין זײַן נאָרע און קען זיך פון אָרט ניט רירן. גײט פאַרבּײַ אים אַ שעפּס.

— שעפּסעלע, שעפּסעלע, — הײבּט זיך וועלוול אָן צו בּעטן, — בּרענג מיר אַ בּיסעלע וואַסער, איך האָב אַ טרונק, וואָס צו עסן וועל איך שוין אַלײן געפינען,

— פּעטער, מ'קען אײך! — האָט זיך דאָס שעפּסעלע אָפּגערופן — איך וועל דיר דערלאַנגען אַ טרונק און דו וועסט פאַרבּײַסן מיט מײַן פלײש...

# דער לייב, דער וואָלף און דער פוקס.

אַן אַלטער לייב איז קראַנק געוואָרן און האָט זיך ניט געקאָנט אויפהייבן פון זיין נאָרע. זיינען אַלע היות געקומען אים מבקר חולה זיין. נאָר דער פוקס אַליין איז ניט געקומען. דער וואָלף האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און גענומען באַריידן דעם פוקס פאַרן לייב.

— מסתמא האַלט ער דיך ניט פאַר קיין קיסער, אַניט וואָלט ער געווים געקומען זען וואָס דו מאַכסט.

אינדעם איז אָנגעקומען דער פוקס. דער לייב האָט אָנגעהויבן שרייען אויף אים.

— לאָז מיר זיך פאַרענטפערן—האָט געזאָגט דער פוקס—מיין ניט, אַז איך טראַכט ניט וועגן דיר, אדרבא, ווער פון דיינע באַזוכער האָט אַזוי געזאָרגט פאַר דיר, ווי איך? איך בין אויסגעלאָפן אַ וועלט, האָב אַלץ געזוכט אַ דאָקטאָר און בין סוף-כל-סוף דערגאַנגען, וואָס פאַר אַ רפואה עס קען דיך שטעלן אויף די פיס!...

— אויב אַזוי, טאָ רוף מיר גיכער אָן די רפואה!—האָט באַפוילן דער לייב.

—נעם אַראָפּ די פעל פון אַ לעבעדיקן וואָלף

און וויקל זיך איין אין איר, כל־זמן זי איז נאָך וואַרים — האָט דער פוקס געענטפערט.

ווייט גיין נאָך אַ וואָלף האָט דער לייב ניט געדאַרפט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן וואָלף, וואָס איז לעבן אים געשטאַנען און אַראָפּגעשונדן פון אים די פעל...

## דער לייב און דער בער.

אַ לייב מיט אַ בער האָבן געפאַנגען אַ הירשעלע און גענומען זיך רייסן צוליב אים. קיינער פון זיי האָט דעם חבר זיינעם גאָרנישט ניט געוואָלט איינטיילן, און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן קלעפּ ווי האָגל. ביידע זיינען געבליבן אָן כוחות, און האָבן זיך צוגעלייגט איין אַ ווײַלע אָפּכאַפּן דעם אָטעם־דערווייל איז פאַרבייגעלאָפן אַ פוקס. דערזען, אַז זיי ליגן ביידע אָפּגעשוואַכטע, האָט ער זיך אונטער־געגנבעט צו זיי, געכאַפּט דעם הירשעלע און גע־מאַכט פיס... דער לייב מיטן בער האָבן געזען דעם גנב. זיי האָבן אים אָבער גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן. — סאַר אַן אומגליקלאַכע מיר זיינען, האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן—אַזוי פיל כוחות אַוועק־געלייגט, אַזוי געריסן זיך! און פאַר וועמען?—פאַרן פוקס!...

# די קאַץ און די פייגעלאך.

א קאַץ האָט דערשמעקט, אז אין א שטייג געפינען זיך קראנקע פייגעלאַך. האָט זי זיך פארשטעלט פאַר א דאָקטאר, איז צוגעגאַנגען צו דער שטייג און האָט פריינדלאַך געפרעגט ביי זיי:

— ווי פילט איר זיך, טייערינקע?

— זייער גוט!—האָבן געענטפערט די פייגעלאך—גיי נאָר דו אַוועק פון דאנען!..

# דער הונט און דער וואָלף.

א הונט האָט געשלאָפן לעבן א שטאל. איז צוגעלאָפן צו אים א וואָלף און האָט אים געוואָלט אויפעסן.

— טשעפע מיך נית, וועלוועלע!—האָט זיך דער הונט אָנגעהייבן צו בעטן—איך בין איצטער זייער מאָגער, ווארט בעסער אָפּ א ביסל, ביי די באלעבאטים מיינע דארף איינגיבן זיין א חתונה, וועל איך זיך דאָרט גוט אָנעסן און ווערן פעט, דאן וועסטו פון מיר טאקע הנאה האָבן!

דער וואָלף האָט זיך צוגעהערט צום הונטס רייד און איז אוועקגעגאנגען.

אין עטלאכע טעג ארום איז ער ווידער געקו-

מען אויפן אַלטן אָרט. און זעט ווי דער הונט ליגט אויפן דאך.

— נו, וואָס? דו האָסט שוין פאַרגעסן, וואָס מיר האָבן אָפּגערעדט? — האָט ער אָנגעהייבן צו שרייען צום הונט.

— ר' וועלוול! — רופט זיך אָפּ צו אים דער הונט—ווייטער, אז דו וועסט מיך געפינען שלאָפנדיק לעבן שטאַל, וואַרט ניט אויף קיין חתונות!..

## דער יעגער און דער רייטער.

אַ יעגער האָט געטראָגן אַהיים אַ דערשאָסענעם האָז. פאָרט פאַרביי אַ רייטער. זאָגט ער צום יעגער:

— פאַרקויפסט דעם האָז? וויז אים נאָר אַ קוק טאָן.

נעמט דער יעגער און דערלאַנגט אים. טוט דער רייטער אַ שמיץ דעם פערד און מאַכט פּליטה. דער יעגער האָט אים געפּרוווט נאָכיאָגן, ס'איז אָבער געווען אומזיסט. דערזען, אַז ס'איז שלעכט, שטעלט ער זיך אָפּ און הייבט אָן צו שרייען פון ווייטן:

— הער דו, לעב אַ טאָג! איך שענק דיר דעם האָז!..

---

## די האָזן און די פרעש.

האָזן האָבן זיך אַמאָל פאַרזאַמלט און גענומען זיך באַקלאָגן אויפן ביטערן מזל זייערן.

—אָן אַ שיר זיינען די שונאים אונזערע! די מענטשן, די הינט, די אָדלערס— אַלע רודפן אונז, אַלע זיינען גרייט צו מאַכן אונז אַ טויט! שוין בעסער צו שטאַרבן איינמאָל פאַר אַלעמאָל, איידער צו ציטערן דעם גאַנצן לעבן! און זיי זיינען אַלע אַוועק צום טייך, כדי אָנצוטאָן זיך אַ מיתה.

אויפן ברעג טייך זיינען געזעסן פרעש: ווי נאָר די פרעש האָבן דערהער־ט דעם טומל, האָבן זיי גלייך גענומען שפרינגען אין וואַסער אַריין.

— האַלט, ברידער!—האָט מיטאַמאָל אויסגעשריען אַ קלוגער האָז—מיר קענען נאָך, ווייזט אויס, לעבן ווייטער! איר זעט, אַז עס זיינען נאָך פאַראַן אויף דער וועלט באַשעפענישן, וואָס ציטערן נאָך פאַר אונז!...

# דער וואָלף און דער לייב.

אַ וואָלף האָט געפאַקט אַ שעפּס און געשלעפּט אים צו זיך אין נאָרע אַריין.

גייט אָן אַ לייב און נעמט צו ביי אים דעם שעפּס.

— אדוני קיניג! הייבט אָן דער וואָלף צו טענען שטייענדיק פון ווייטן—וואָס האָסטו געטאָן,

דו גייסט דאָך אַליין קעגן דעם אלטן געזעץ דיינעם, אַז דער שטאַרקער טאָר ניט דריקן דעם שוואַכערן!..

צעלאַכט זיך דער לייב און ענטפערט אים:

— רבּ וועלוול! דאַן וואָלט די טענה דיינע געהאַט אַ האַפּט, ווען דו וואָלסט, למשל, דעם דאָזיקן שעפּס געקראָגן אַ מתנה פון דיינעם אַ פריינד!...

## דער פויער און די שלאַנג.

אַן אַלטער פויער האָט געפונען ווינטער אַ פאַרפראָרענע שלאַנג. האָט ער אויף איר רחמנות געקראָגן און אַריינגעלייגט זי צו זיך אין בוזים. די שלאַנג האָט זיך אָנגעוואַרימט און האָט איינגעביסן דעם פויער אין ברוסט.

— רעכט אויף מיר! — האָט געזאָגט דער פויער, ראַנגלענדיק זיך מיטן טויט — אויף אַ שלאַנג טאָר מען קיין רחמנות ניט האָבן!..

## די הירשן.

אַ ווילדער הירש האָט אַמאָל דערזען אויף אַ לאָנקע אַ הויזיקן און האָט אים שטאַרק מקנא געווען.

— ווי פעט ער איז! ווי זאַט ער איז!..

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער ווילדער הירש געזען, ווי זיין באַקאַנטער שלעפּט אויף זיך אַ שווערע משא און הינטער אים גייט דער אָנטרייבער און קלאַפּט אים מיט אַ שטעקן.

— אויב אזוי, בין איך אים שוין גאָרניט מקנא — האָט געזאָגט דער ווילדער — ס'ווייזט אוים, אז פארן גליק וויינעם באצאָלט ער וויער טייער.

## דאָס יינגל און דער פויער.

א יינגל האָט זיך געבאָדן אין א טייך. האָט אים דער שטראָם אוועקגעטראָגן אויפן מיטן. דאָס יינגל האָט זיך אָנגעהייבן טרינקען. דערזעט ער פונוויטן א פויער און בעט זיך ביי אים:

— געוואלד! ראטעווע מיך!

דער פויער האָט אָנגעהויבן צו שרייען אויפן יינגל, פארוואָס ער איז ניט פאָרזיכטיק.

— פריער ראטעווע מיך — האָט אים דאָס יינגל געזאָגט — נאכער וועסטו שרייען אויף מיר...

## דער פוקס און די לייביכע.

א פוקס האָט אַמאָל געלאַכט פון א לייביכע, וואָס זי האָט געבאָרן מער ניט ווי איין קינד.

— „איינעם — האָט געענטפערט די לייביכע, דערפאַר אָבער... א לייבעלע!"

# די אָקסן און די רעדער.

אָקסן האָבן געפירט א וואָגן. הינטערוועגס האָבן די רעדער אָנגעהויבן צו סקריפּען.

— וואָס סקריפּעט איר?—האָבן די אָקסן געזאָגט צו די רעדער: — די גאַנצע מַשָׂא שלעפּן מיר דאָך!..

# דער פּאַסטוך און די ציג.

אַמאָל האָט זיך א ציג פאַרעקשנט און ניט געוואָלט גיין מיט דער טשערעדע. דער פּאַסטוך איז אין כעס געוואָרן, האָט א לאָז געטאָן אין איר מיט אַ שטיין און צעבראָכן איר א האָרן. דערוועגן אָבער דעם צעבראָכענעם האָרן, האָט זיך דער פּאַסטוך זייער דערשראָקן. ער איז צוגעגאַנגען צו דער ציג און זיך אָנגעהויבן בעטן ביי איר:

— זע, טייערינקע, דערצייל ניט דעם בּאַלעבאָס!

— נאַרישער פּאַסטוך! האָט אים די ציג געענטפערט—צי דען פאַרשטייסטו ניט, אַז אויב איך וועל אַפילו שווייגן, וועט דאָך דער צעבראָכענער האָרן מיינער דערציילן די גאַנצע מעשה...

# די פלעקלאך און דער דעמב.

האָלצהעקער האָבן אַמאָל אָראָפּגעהאַקט אַ דעמב, אָפּגעהאַקט פון אים עטלאַכע פלעקלאַך און גענומען מיט זיי שפּאַלטן דעם בוים.

– עס פאַרדריסט מיר ניט אַזוי אויף דער האַק, מיט וועלכער מ'האָט מיך אונטערגעהאַקט, ווי אויף די פלעקלאַך... – האָט זיך דער דעמב באַקלאָגט: זיי זיינען דאָך פון מיינע אייגענע צווייגן!...

---

# דאָס קעלבל און דער אָקס.

אַ קעלבל האָט דערזען אַן אָקס ביי אַ שווערער אַרבעט און געלייגט אויף אים גרויס רחמנות.

– מיר איז גוט! — האָט זיך דאָס קעלבל געטראַכט – איך דאַרף ניט האָרעווען אַזוי שווער.

נאָר אָט איז געקומען ערב יום־טוב. דעם אָקס האָט מען אַרויסגעלאָזן אויף פּאַשע און דאָס קעלבל האָט מען געפירט שחטן.

דער אָקס האָט אַ קוק געטאָן אויפן קעלבל און געזאָגט:

— דערפאַר האָט מען דאָס דיר ניט גענויט צו אַרבעטן, ווייל מ'האָט דיך באַשטימט אויף צום שחטן!

---

# דער לייב און דער אייזל.

א לייב האט זיך באפריינדעט מיט אן אייזל און זיי זיינען ביידע אוועק אויף געיעג. קומען זיי צו א הייל, וואו ס'זיינען געוועזן ווילדע ציגן. דער אייזל איז אריין אין הייל און האט געמאכט אזא לארים, אז די ציגן זיינען אלע ניט טויט ניט לעבעדיק תיכף ארויסגעלאפן פון הייל.

דער לייב איז געשטאנען ביים ארויסגאנג און האט זיי אלעמען איבערגענומען אין זיינע לאפעס.

— נו, וואס זאגסטו? איך האב גוט געארבעט? — האט געפרעגט דער אייזל ארויסגייענדיק פון הייל.

— גלויב מיר, האט אים דער לייב געענטפערט — איך אליין וואלט זיך אויך דערשראקן פאר דיר, ווען איך זאל וויסן, אז דו ביסט אן אייזל...

# דער פערד און דער יונג.

א יונג האט זיך געמאכט א מארע און גענומען צובענען האבער פון זיין פערד. דעם פערד איז די מעשה וייער ניט געפעלן געווארן. נאך מער האט אים פארדראסן, וואס אין דער זעלבער צייט פלעגט אים דער יונג כסדר גלעטן און קאמען.

– אויב דו טראַכסט טאַקע איף אַן אמת
וועגן מיין טובה – האָט זיך איינמאָל אָפּגערופן צוּן
אים דער פערד – דאַרפסטו פריער פאַר אַלץ
אויפהערן צו גנבענען פון מיר מיינע האָבער.



## דער וואָלף און דער פערד.

אַ וואָלף האָט געפונען אויף אַ פעלד אַ גאַרב
גערשטן. אַזוי ווי עסן דאָס קען ער ניט, האָט ער
דאָס ניט געדינט און איז זיך אַוועק ווייטער.

באַגעגנט ער אויפן וועג אַ פערד.

– קום מיט מיר! — רופט ער זיך אָפּ צום
פערד מיט אַ שמחה – איך האָב געפונען אַ גאַרב
גערשטן און האָב עס איבערגעלאזן פאַר דיר. איך
האב זייער ליב צו זען, ווי דו קנאַקסט ביים עסן
מיט די ציין.

– מיין פריינד, — האט אים דאס פערדל געענט־
פערט, אויף דעם: ווען וועלף וואלטן געגעסן גערשטן,
וואלסטו קיינמאל אַזוי גוט ניט געווען און וואלסט
זיך גאר אַזאַ פאַרגעניגן ניט אנטאָן.

